**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/23/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אז GE VERNOVA וועט אינוועסטירן 50 מיליאן דאלאר צו אויפשטעלן א מעניופעקטשורינג אפעראציע אין סקענעקטעדי קאונטי פאר ווינט טורבינע קעסטלעך**

***פראיעקט שטיצט ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט אגענדע וואס איז די מערסטע אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוו אין דאס לאנד***

***GE Vernova האט פארשפראכן צו שאפן צום וויניגסטנס 160 נייע דזשאבס אין די הויפטשטאט ראיאן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז GE Vernova וועט אינוועסטירן 50 מיליאן דאלאר צו אויפשטיעלן א מעניופעקטשורינג אפעראציע פון ווינט טורבינע קעסטלעך אין סקענעקטעדי, ברענגענדיג צום וויניגסטנס 160 נייע פול-טיים דזשאבס אין דעם ריינע ענערגיע פעלד. די אנאנס באגלייט ניו יארק סטעיט'ס באמיאונגען צו זיין א נאציאנאלע פירער ווען עס קומט צו פארגרעסערן די גריע עקאנאמיע, רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און באקעמפן קלימאט טויש.

"General Electric האט א לאנגיאריגע און גלאררייכע היסטאריע אין ניו יארק סטעיט, און זי איז געווען א פירער אין די פארגעשריטענסטע ערפינדונגען פאר היבש איבער הונדערט יאר," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר זענען שטאלץ צו ארייגגיין אין א שותפות מיט GE Vernova צו פארווירקליכן ניו יארק'ס חזון צו ווערן א פירנדע מעניופעקטשורינג צענטער פאר ווינט ענערגיע טעכנאלאגיע און אונז ברענגען נאענטער צו עררייכן אונזערע לאנד'ס-פירנדע קלימאט ציהלן, פארזיכערנדיג א בעסערע און ריינערע צוקונפט פאר דורות."

**CEO o'GE Vernova, סקאט סטראזיק, האט געזאגט,** "מיר אפלאדירן די אדמיניסטראציע פאר די לעצטיגע אנווייזונגען איבער פאדערוגען צו נוצן לאקאלע פראדוקטן, אונז גיבנדיג די באקוועמליכקייט זיך צו פאראויס רוקן מיט דעם באגייסטערנדן פראיעקט, און מיר קוקן ארויס צו שטיצן נאך אנווייזונגען. מיר זענען שטאלץ צו פארברייטערן אונזער מעניופעקטשורינג און ארבעטסקראפט אין אמעריקע צו פארזעצן צו אויפבויען און ערפינדן ענערגיע טעכנאלאגיע וואס איז ריינער, ברענגענדיג ווינט טורבינע קאמפאנענט צוזאמשטעלונג – ווי אויך א געשאצטע 200 נייע דזשאבס – צו ניו יארק. די סטעיט און די הויפטשטאט ראיאן זענען א וויכטיגע חלק פון GE'ס היסטאריע, און די אינוועסטירונג וועט פארגרעסערן סקענעקטעדי'ס ראלע ביים פאראויס טרייבן די ענערגיע אריבערגאנג אין די צוקונפט."

GE וועט אינוועסטירן אין רענאוואציעס צו די איינריכטונג און אין נייע מאשינען און עקוויפּמענט צו שטיצן די פראדוקציע פון ווינט טורבינע קעסטלעך פאר די פירמע'ס 6.1 מעגאַוואַט ווינט טורבינעס וועלכע ווערן אויפגעשטעלט אויפן יבשה. די קעסטל וואס ווערט גערופן די 'נאסעל' (nacelle) איז די חלק פון די טורבינע וואו מען לייגט אריין די חלקים וואס טראנספארמירן די ענערגיע פון די באוועגונג פון די ווינט צו מעכאנישע ענערגיע וואס קען דרייען א דזשענערעיטאר וואס פראדוצירט עלעקטריציטעט. די

מעניופעקטשורינג צוזאמשטעלונג אפעראציע וועט אינסטאלירט ווערן אין די געביידע וואו GE Vernova זעצט פאר צו מעניופעקטשורען דאמף טורבינעס און דזשענערעיטארס. די עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט (Empire State Development, ESD) האט מסכים געווען צו צושטעלן ביז אזויפיל ווי 2.5 מיליאן דאלאר אין 'גרינע עקסעלסיאר דזשאבס טעקס קרעדיטס' (Green Excelsior Jobs Tax Credits) – וועלכע ווערן געגעבן פאר פירמעס וועלכע זענען מקיים זייערע צוזאגן צו שאפן נייע דזשאבס – צו שטיצן צום וויניגסטנס 160 דזשאבס וואס וועלן געשאפן און אנגעהאלטן ווערן, מיט א פאטענציאל פאר אזויפיל ווי 200 פאזיציעס.

**עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט פּרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָפּ נייט, האט געזאגט,** "אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט איז די ESD פולשטענדיג קאנצענטרירט אויף איר מיסיע צו פארגרעסערן די גרינע עקאנאמיע און ברענגען שיין-באצאלטע מעניופעקטשורינג דזשאבס צו ניו יארק סטעיט. GE איז א גלאבאלע פירער אין די דעוועלאפּמענט פון טעכנאלאגיעס פאר ריינע ענערגיע און פארן צושטעלן ריינע טרייב קראפט ארום די וועלט, און מיר זענען גאר באגייסטערט אז זיי וועלן פארזעצן צו פארגרעסערן זייער רעפוטאציע אין סקענעקטעדי."

**NYSERDA פּרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "אזוי ווי מיר באפעסטיגן ניו יארק'ס שטאנד אלץ א נאציאנאלע פירער ביים שטופן פאר ריינע ענערגיע אונטער גאווערנער האקול, וועלן מיר פארזעצן צו צוציהען און פארגרעסערן די שותפות'ן צווישן פריוואטע פירמעס און די רעגירונג וועלכע מאכן די ריינע ענערגיע אינדוסטריע בליהען אויך אין אונזער היים סטעיט. GE Vernova'ס אינוועסטירונג אין ווינט טורבינע קעסטלעך מעניופעקטשורינג איז א ריזיגע געווינס פאר די הויפטשטאט ראיאן וואס וועט שאפן נייע גרינע דזשאבס בשעת'ן שטיצן אונזער אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע."

ניו יארק האט א פעסטע ליסטע פון 120 גרויסארטיגע ריינע-ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן וועלכע זענען ערווארטעט צו ברענגען איבער 14,200 מעגאַוואַטס פון עלעקטריציטעט פון נייע ריינע-ענערגיע קוועלער ארויף אויפן 'גריד' איינמאל זיי וועלן זיין פארענדיגט — גענוג צו צושטעלן עלעקטריציטעט פאר קרוב צו פינף און א האלב מיליאן ניו יארקע היימער. די סטעיט'ס פארפליכטונג צו ארויסבויען נייע גרינע-ענערגיע עלעקטריציטעט דראטן – אנהויבנדיג מיט 250 מייל אין די לענג פון נייע גרויסע מאדערניזירונגען וועלכע זענען שוין יעצט אונטערוועגנס אריבער די סטעיט און מיט די Clean Path New York און Champlain Hudson Power Express עלעקטריציטעט דראטן באשטעטיגט אין אפריל – וועט ערלויבן די ריינע-ענערגיע קוועלער וואס ווערן פארענדיגט צו קענען שיקן איבער 66 פראצענט פון ניו יארק'ס עלעקטריציטעט פון ריינע קוועלער איינמאל זיי וועלן אריינקומען אין באנוץ. די ליסטע פון ריינע-ענערגיע קוועלער וועט פארגרעסערט ווערן דורך NYSERDA'ס זעקסטע אפפער פאר א קאנטראקט וואס איז אנאנסירט געווארן לעצטע סעפטעמבער, רופנדיג פאר 2,000 מעגאַוואַטס אדער מער פון נייע גרויסארטיגע ריינע-ענערגיע פראיעקטן, אנהאלטנדיג די פאראויסגעשאצטע שנעלקייט פון סטעיט קאנטראקטן פאר פריוואטע ריינע-ענערגיע דעוועלאפערס. NYSERDA ערווארט צו אנאנסירן וועלכע פראיעקטן וועלן באקומען גרענטס אין די זומער פון 2023.

**טשעיר פון די סקענעקטעדי קאונטי לעגיסלאטור, ענטאני דזשאסענקי, האט געזאגט,** "סקענעקטעדי קאונטי באגרוסט די 50 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג און 200 נייע דזשאבס צו געביידע 273 פון די הויפט GE קאמפוס. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול און די עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט פאר זייערע אויסערגעווענטליכע באמיאונגען צו ברענגען נייע ווינט טורבינע פראדוקטן און שיין-באצאלטע דזשאבס צו אונזער קאמיוניטי. מיר באדאנקען אויך GE Vernova'ס CEO, סקאט סטראזיק, און זיין ריינע-ענערגיע מאנשאפט פארן אויסוועהלן סקענעקטעדי קאונטי צו באקומען די וויכטיגע נייע אויפגאבע אזוי ווי GE Vernova פירט די וועג צו די מהפכה פון א צוקונפט פון גרינע ענערגיע."

**סקענעקטעדי מעיאר גערי מעקקאַרטי האט געזאגט,** "פון מיין ערשטע טאג אלץ מעיאר האב איך געארבעט פון די נאענט מייט GE און מיט די פירמע'ס איבערגעגעבענע ארבייטער צו היטן אויף די מעגליכקייט פון די סקענעקטעדי קאמפוס צו קאנקורירן אויפן מארקעט כדי מיר זאלן קענען צוציהען נייע אינוועסטירונג און נייע פראדוקט פאבריצירונג. היינט באדאנקען מיר גאווערנער האקול, די עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט און GE Vernova פאר די אויסגעצייכנטע נייעס אז אונזער GE קאמפוס דא אין סקענעקטעדי וועט העלפן אויפבויען די קומענדיגע דור פון ווינט טורבינעס. דאס מיינט אז סקענעקטעדי וועט שפילן א הויפט ראלע אין די ענערגיע מהפכה וואס איז אונטערוועגנס דא אין ניו יארק סטעיט און ארום די וועלט."

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום וויניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. געפירט דורך טייל פון די לאנד'ס מערסטע אגרעסיווע קלימאט ענערגיע פראגראמען, איז ניו יארק איז אויפן וועג צו דערגרייכן א גארנישט-ארויסרינונג עלעקטריציטעט סעקטאר ביי 2040, אריינעמענדיג 70 פראצענט נייבארע ענערגיע פאבריצירונג ביי 2030, און עקאנאמיע ברייט קארבאן נייטראליטעט ביז 2050. א גרונדשטיין פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער 35 ביליאן דאלאר אין 120 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע אויפטרייבונג און טראנסמישען פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסעיס פון געביידעס, 1.8 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, מער פון 1 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע איניציאטיוון און איבער 1.8 ביליאן דאלאר אין NY Green Bank (גרינע באנק) פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן שוין מער פון 165,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2021 און א 2,100 פראצענטיגע וואוקס אין די אינדוסטריע פון פריוואטע סאלאר באנוץ זינט 2011.

כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און צו פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען ווייטער צו אוואנסירן ניו יארק'ס קלימאט ארבעט מיט באלד 400 רעגיסטרירטע און 100 סערטיפייד קלימאט-סמארט קאמיוניטיס, באלד 500 ריינע ענערגיע קאמיוניטיס, און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט מאניטארינג פרואוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס איבער די סטעיט צו העלפן מיט לופט פארפעסטיגונג הילף און קעמפן קעגן קלימאט טוישן.

**איבער GE Renewable Energy**

GE Renewable Energy – א וויכטיגסטע חלק פון GE Vernova'ס ליסטע פון ענערגיע ביזנעסער – איז א כמעט 13 ביליאן דאלארדיגע ביזנעס וואס שטעלט צוזאם איינס פון די ברייטסטע ליסטע פון פירמעס אין די ריינע ענערגיע אינדוסטריע צו צושטעלן לייזונגען פאר אלעס אונטער איין דאך פאר אונזערע קליענטן וואס פארלאנגען פארלעסליכע און אפּאָרדעבעל גרינע טרייב קראפט. אויסמישנדיג ווינט אויף די יבשה און אויפן ים, 'בלעידס', היידראָ, סטארעדזש, סאלאר ענערגיע אויף א יוטיליטי פארנעם און 'גריד' לייזונגען, און אזוי אויך 'הייבריד' ריינע ענערגיע און דיגיטאלע סערוויסעס וואס ווערן געאפפערט, האט GE Renewable Energy שוין אינסטאלירט מער פון 400 גיגאַוואַטס פון ריינע ענערגיע און אויסגעשטאט מער פון 90 פראצענט פון די יוטיליטי פירמעס אריבער די גאנצע וועלט מיט אירע גריד לייזונגען. ממיט ארום 36,000 ארבייטער וועלכע געפונען זיך אין מער פון 80 לענדער, גיבט

GE Renewable Energy ווירדע פאר קליענטן וועלכע זוכן צו צושטעלן עלעקטריציטעט פאר די וועלט מיט אפּאָרדעבעל, פארלעסליכע און ענווייראמענט-פריינטליכע גרינע מיטלען.

**GE Vernova**, א דינאמישע ביזנעס אינוועסטירונג 'עקסעלערעיטאר', באשטייט פון טרייב קראפט, ריינע ענערגיע, דיגיטאלע און ענערגיע פינאנציעלע סערוויסעס ביזנעסער וועלכע קאנצעטרירן זיך אויף צו שטיצן טראנספארטאציעס פון קליענטן דורכאויס די גלאבאלע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן